דער
פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

פקודי

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

מכון 'באר האמונה'

מכון באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:

אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285

©

כל הזכויות שמורות למו"ל

אינהאלט

פרשת פקודי

יטע בחן אדר - איינפלאנצען ביי זיך אמונה בה' .... א

משנכנס אדר מרבין בשמחה - הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים .... ב

אדיר במרום ה' - ראש חודש אדר, א טאג מסוגל אויף תפילה .... ד

יה"ר שתשרה שכינה במעשי ידיכם - אָן תפילה קען מען גאָרנישט באַקומען .... ה

ישימך אלקים כאפרים וכמנשה - חודש העיבר איז מסוגל אויסצוארבעטן די מדה פון קנאה .... ו

השפל עצמך וינשאך המקום - די אדנים ליגן אויף דער ערד אבער אויף זיי שטייט דער גאנצע משכן .... ח

מאת אדנים למאת הככר - הונדערט ברכות אַ טאג .... ט

חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, מעורר צו זיין ביים באַשעפער וואס דרכו להטיב לבריותיו .... יא

לא תשא את שם ה' אלקיך - די הארבקייט פון הזכרת שם שמים לבטלה .... יב

מפתח של ברכה - ארויסזאגען דעם שם ווי עס דארף צו זיין ברענגט גרויסע השפעות .... יב

פקודי המשכן - מיט צדקה מעג מען זיך רימען .... יד

"משכן העדות" - אויך בזמן הזה איז דא דער משכן העדות, "דער ביהמ"ד" .... טו

חזק חזק ונתחזק - אַ מענטש וויל זיך מחזק זיין, איז דער רבש"ע איהם מחזק .... טז

פקודי

יטע בהן אדר - איינפלאנצען ביי זיך אמונה בה'

דער "מאירי" (וכ"ה בערוך) זאָגט אויף די ווערטער פון דער גמרא (ביצה טו:) "הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר, שנאמר (תהלים צג, ד) אדיר במרום ה'", דער וואָס וויל אַז זיין פאַרמעגן זאָל האָבן אַ קיום, זאָל ער און זיי איינפלאַנצען אַן אדר. רש"י טייטשט "אדר", ער זאָל איינפלאַנצן אַ גרויסן בוים וואס ווערט אָנגערופן מיט'ן נאָמען "אדר". וואָס פאַרדינט ער פון דעם?

זאָגט דער "מאירי", אויב ער וועט האָבן דעם בוים וואָס הייסט "אדר", וועט ער דאָך כסדר דערמאנען דעם נאָמען "אדר", און אַזוי וועט ער זיך כסדר דערמאנען אַז "אדיר במרום ה'", דער שטאַרקע פון אויבן איז דער רבש"ע, און דאַן וועט ער זיך מתעסק זיין מיט זיינע נכסים מיט די געהעריגע אמונה, וועט ער דורך דעם זוכה זיין צו די הבטחה פון חז"ל, "והרוצה להתעשר יתעסק באמונה (נדה ע:)", דער מענטש וואָס וויל זיין רייך, זאָל ער זיך שטאַרקן אין די אמונה[א].

דאָס איז די כוונה פון "יתעסק באמונה", מ'זאָל האַנדלען רואיג, און געדענקען אַז אַלעס איז בהשגחה פרטית פון הימל[ב].

דער "יסוד העבודה" טייטשט דעם פסוק (שמות לג, כ) "כי לא יראני האדם וחי", די תורה איז מרמז, אַז אַפילו ווען "כי לא יראני האדם" - ווען דער מענטש זעהט נישט דעם באַשעפער ב"ה און זיין השגחה פרטית, אויך דעמאָלס "וחי" - זאָל ער לעבן מיט התחזקות און זיך מחזק זיין מיט'ן אויבערשטען[ג].

א. די וועלט זאָגט, אַז דער מענטש דאַרף אַרבעטן ווי אַ זייגער: ער זאל נישט גיין צו-שנעל, און נישט צו-פאַמעליך. אויב דער זייגער גייט צו-שנעל, איז ער קאַליעדיג, און דאָס זעלבע אויב ער גייט פאַמעליכער ווי געהעריג.

ב. הרה"ק הרבי ר' אלימלך זי"ע פון ליזענסק האָט אַמאָהל געזאָגט פאַר זיינע תלמידים, אַז יעדע זאַך איז בהשגחה פרטית. נישט נאָר דאָס וואָס אַ מענטש טוט צו דיר איז פון הימל, נאָר אַפילו דאָס מיסט (גלל) וואָס די בהמה גיט אַרויס פון איר קערפער, איז אויך בהשגחה פרטית וואו דאָס מיסט זאָל פאַלן.

די ווערטער פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע זענען געווען אַ גרויסער וואונדער ביי איינעם פון די תלמידים: ווי איז שייך צו זאָגן, אַז אויך דאָס אָרט וואו די גללים פון אַ בהמה זאָלן פאַלן, איז בהשגחה פרטית?

אַ טאָג שפּעטער, איז יענער תלמיד געגאַנגען אויפ'ן שניי, און ער האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלן אין אַ נידריקן טאָל, נאָר אַ בולקע האָט אים פאַרשטעלט, און דאָס האָט געראַטעוועט זיין לעבן. שפּעטער האָט ער געזעהן, אַז די בולקע איז גאָר געווען אַ גלל וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אינעם שניי...

שפּעטער, ווען דער תלמיד איז נאָך אַמאָהל געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך, האָט דער רבי ר' אלימלך איהם געזאָגט:

- נו, האָב איך אייך געזאָגט אַז עס איז דאָ אַ השגחה פרטית אויך אויף גללים?

ג. די וועלט זאָגט, פאַרוואָס דרייט מען איבער דעם אתרוג איידער מען מאַכט די ברכה דערויף? איז דער תירוץ, צו ווייזן, אַז אַפילו ווען עס גייט "מיט'ן פיטום אַראָפּ" ח"ו, דאַרף מען אויך מאַכן אַ ברכה, און לויבן דעם אויבערשטען, ווייל אַלעס איז לטובה.

אַזוי ווערט אויך געברענגט אַ טייטש אויף די ווערטער פון דער גמרא (מגילה ז.) "שלחה להם אסתר לחכמים כתבוני לדורות". אסתר האָט געבעטן פון די חכמים, זיי זאָלן פאַרשרייבן דעם נס פון פורים אין מגילת אסתר, פאַר די שפּעטערדיגע דורות. דאַרף מען פאַרשטיין, האָט דען אסתר געזוכט כבוד און פירסום, וואָס זי האָט געבעטן מ'זאָל איר פאַרשרייבן לדורות?

איז דער תירוץ, אסתר המלכה איז געווען אַ יתומה מאב ואם, און דווקא זי האָט געראַטעוועט גאַנץ כלל ישראל ביים נס פורים. דאָס האָט אסתר געבעטן: "כתבוני לדורות" - פאַרשרייבט מיך פאַר די קומענדיגע דורות, אַז מען זאָל געדענקען לדורות עולם, אַז דער מענטש קען אַפילו פונעם שווערסטן מצב, אויפגעהויבן ווערן צום העכסטן מצב, ווי מיר זעהען ביי אסתר, אַז אַ יתומה מאב ואם האָט געברענגט די ישועה פאַר אידן פון דער גאַנצער וועלט.

אויך ווערט געברענגט אין ספרים, אויפ'ן פּסוק (אסתר ה, ד) "י'בוא ה'מלך ו'המן ה'יום", די ראשי תיבות דערפון זענען הוי"ה. דער געדאַנק דערפון איז, ווייל ווען אסתר האָט געלאַדענט המן צו די סעודה, זענען די אידן געווען בייז אויף אסתר המלכה, פאַרוואָס זי האָט געלאַדענט דווקא דעם צורר היהודים המן הרשע, צו די סעודה וואָס זי מאַכט פאַר'ן קעניג. אָבער וואָס איז אַרויסגעקומען דערפון? דווקא ביי די דאָזיגע סעודה, איז געקומען די ישועה.

דער לימוד דערפון איז, אַז אפילו ווען עס זעהט אויס אַז דער מצב איז פאַרלוירן ח"ו, פּונקט ווי עס האט דעמאָלס אויסגעזעהן אַז אסתר שטערט גאָר די ישועה פאַר אידן דורך לאַדענען המן'ען צו די סעודה, דאַרף מען וויסן אז דאַרט ליגט באַהאַלטן די ישועה. דערפאַר איז דווקא אין דעם פּסוק יבוא המלך וגו' מרומז דער שם הוי"ה, ווייל טאַקע פון דעם גרעסטן הסתר איז געקומען די ישועה פאַר אידן.

משנכנס אדר מרבין בשמחה - הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים

משנכנס אדר מרבין בשמחה (תענית כט.). בשמח"ה איז ראשי תיבות ה'כל ב'ידי ש'מים ח'וץ מ'יראת ש'מים (ברכות לג:).

ביי פדיון פטר חמור זאָגט דער פּסוק (שמות יג, יג) "וכל פטר חמור תפדה בשה", מען דאַרף אויסלייזן דאָס ערשטע געבוירענע אייזעל מיט אַ שעפּס. ביי "בכור בניך", דאָס ערשטע קינד וואָס ווערט געבוירן ביי אַ מענטש, האָט די תורה געהייסן אויסלייזן מיט פינף סלעים.

פאַרוואָס איז דער דין ביי פטר חמור, אַז מען זאָל געבן אַ שעפּס, אָבער אויסצולייזן דעם ערשטן קינד וואָס ווערט געבוירן, גיט מען נאָר פינף סלעים?

איז דער ענטפער בדרך רמז, ווען עס ווערט געבוירן ביים מענטש זיין ערשטער אייזל, טראַכט ער ביי זיך, איך האָב פאַרמעגענס, זאָגט מען איהם: תפדה - לייז עס אויס "בשה" - בש"ה איז ראשי תיבות ה'כל ב'ידי ש'מים. אַלעס איז פון הימל, נישט פון דיין אייגענעם כח.

ביי "בכור בניך", ווען מ'האָט דאָס ערשטע קינד, זאָגט ער, נו, איך דאַרף איהם מחנך זיין? ער וועט ממילא אויסוואַקסן גוט, דער אויבערשטער וועט שוין העלפן... זאָגט מען איהם, דו דאַרפסט געבן "חמש" סלעים. חמ"ש איז ראשי תיבות ח'וץ מ'יראת ש'מים. אויפ'ן יראת שמים פון דיין זוהן, דאַרפסטו אַליין אַרבעטן, בנוגע חינוך הבנים, טאָרסטו זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם באַשעפער לגבי חינוך הבנים.

דאָס איז דער רמז אויך אין די ווערטער פון די חז"ל: "משנכנס אדר מרבין בשמחה" - בשמח"ה איז ראשי תיבות ה'כל ב'ידי ש'מים ח'וץ

מ'יראת ש'מים. דו קענסט זיין בשמחה, אויב דו ווייסט אַז אַלעס פירט זיך פון הימל. אָבער אויף יראת שמים, דאַרפסטו אַליין אַרבעטן.

דאָס איז אויך מרומז אין די ווערטער פון רבי יוחנן (ביצה טו:) "הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר". "אדר" איז מרמז אויף חודש אדר. אויב דער מענטש וויל אַז זיינע נכסים גשמיים, און זיינע נכסים רוחניים, זאָלן מצליח זיין, זאָל ער איינפלאַנצן אין האַרצן די ידיעה פון חודש אדר, דעם "מרבין בשמחה" - אַז בנוגע גשמיות דאַרף מען געדענקען, אַז אַלעס ווערט געפירט פון הימל, און אויף רוחניות, זאָל דער מענטש געדענקען, "חוץ מיראת שמים" - אויף יראת שמים, מוז מען אַליין אַרבעטן[ד].

דער חיד"א זצ"ל שרייבט אויף די משנה אין פרקי אבות (פ"ה, מכ"ב) "לפום צערא אגרא". דאָס איז די איינציגע ווערטער אין פרקי אבות וואָס זענען געזאָגט געוואָרן בלשון ארמי. נאָר תוספות זאָגט

ד. דער קאָלאָשיצער רב, הרה"ק רבי חנה האַלבערשטאַם זצ"ל הי"ד, האָט אַמאָהל דערציילט ביים טיש, אַז איינער פון די תלמידי בעל שם טוב הק' זי"ע האָט שטאַרק מקפיד געווען נישט צו שלאָפן אַליין אין סוכה. אַמאָהל איז קיינער נישט געווען דאָרט צו שלאָפן מיט דעם צדיק, איז ער אַרויס אויף דער גאַס זוכן עמיצן וואָס זאָל קומען שלאָפן מיט איהם. איין איד וועמען ער האָט באַגעגענט און געבעטן צו קומען שלאָפן מיט איהם, האָט מסכים געווען דערצו, מיט איין תנאי: אויב דער צדיק וועט איהם צוזאָגן, אַז אויך אויבן אין הימל וועט ער אויך שלאָפן מיט איהם...

בלית ברירה, האָט דער רבי מסכים געווען צום "געשעפט", אַז יענער וועט קענען זיין נעבן איהם אויך בעלמא דקשוט. צומאָרגענס איז די פרוי פון יענעם איד געקומען צו לויפן צום רבי'ן, מזכיר זיין איר מאַן וועלכער איז צוזאַמענגעפאַלן און נויטיגט זיך אין אַ גרויסע ישועה. איז דער רבי געגאַנגען צו דעם חולה, און איהם געזאָגט:

- אויב דו וועסטו מוותר זיין אויף מיין הבטחה, קענסטו בלייבן לעבן, און אַז נישט, דאַרפסטו אַוועקגיין פון דער וועלט ח"ו. אָבער אויב דו בלייבסט לעבן, קענסטו זיך אויסוועהלן איינער פון דריי זאַכן: אריכות ימים, עשירות, אָדער גוטע קינדער.

האָט דער איד געזאָגט, אַז ער איז מוותר אויפ'ן רבינ'ס הבטחה צו איהם אַז ער וועט זיין "עמו במחיצתו", אָבער ער פאָדערט דערפאַר אַלע דריי זאַכן: עשירות, אריכות ימים, און גוטע קינדער!... דער רבי האָט אים צוגעזאָגט, און דער איד איז געזונט געוואָרן.

ווען דער קאָלאָשיצער רב האָט דערציילט די מעשה, האָט ער געפרעגט איינעם פון די אָנוועזענדע ביים טיש, אַ חשוב'ער איד, מנקיי הדעת:

- נו, וואָס איז דיין מיינונג, צו האָט יענער איד גוט געטוהן, וואָס ער האָט מוותר געווען אויף די הבטחה פונעם צדיק אז ער וועט קענען זיין צוזאמען מיט איהם בעולם העליון?

זאָגט דער איד צום קאָלאָשיצער רב:

- ניין, רבי, ער האט נישט גוט געטוהן! ער האָט געהאַט אויבן אַזאַ גוטן פּלאַץ, לעבן דעם רבי'ן, און ער האָט מוותר געווען אויף די הבטחה, צוליב עולם הזה!

האָט דער קאָלאָשיצער רב געזאָגט:

- ביזט נישט גערעכט! אַ פּלאַץ נעבן רבי'ן דאַרף ער האָבן? כל זמן ער לעבט דאָ אויף דער וועלט, קען ער זיך דאָך פאַרשאַפן אַ פּלאַץ נעבן אברהם אבינו! יעדע מינוט וואָס אַ איד לעבט אויף דער וועלט, קען ער זיך פאַרשאַפן די גרעסטע בחינה.

כ"ק אדמו"ר רבי יעקב יוסף זצ"ל מספינקא האָט דערציילט, ווען הרה"ק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע

דאָך (עי' שבת יב:) אַז מען זאָגט "אמן יהא שמיה רבה" בלשון ארמי, כדי די מלאכים זאָלן אונז נישט מקנא זיין אַז מיר זאָגן יהא שמיה רבה, און די מלאכים פאַרשטייען נישט לשון ארמי. דערפאַר זענען די ווערטער "לפום צערא אגרא" בלשון ארמי, כדי די מלאכים זאָלן אונז נישט מקנא זיין, אויף דעם וואָס מיר באַקומען שכר פאַר אונזער עבודה.

אדיר במרום ה' - ראש חודש אדר, א טאג מסוגל אויף תפילה

מיר האָבן שוין נאָכגעזאָגט וואָס הגה"ק רבי חיים וויטאַל זצ"ל שרייבט (מובא בפתיחה לילקוט מעם לועז על תהלים), "סגולה גדולה לקרוא ספר תהלים בראש חודש אדר", עס איז אַ גרויסע סגולה צו זאָגן דער ספר תהלים[ה] אונעם טאָג ראש חודש אדר.

דער "חוזה" פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט ("דברי אמת" עמוד ע') אויף די ווערטער פון דער גמרא (ביצה טו:) "הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר". די "נכסים" (פאַרמעגענס) פון אַ איד, זענען זיינע תפילות. אויב מען וויל אַז די תפילות זאָל אָנגענומען ווערן, זאָל מען ראש חודש אדר מתפלל זיין אַז די תפלות זאָלן אָנגענומען ווערן, ווייל דעמאָלס איז אַ זמן ווען דער רבונו של עולם נעמט אָן די תפילות פון אידישע קינדער[ו].

איז נתמנה געוואָרן אַלס רבי, נאָך דער הסתלקות פון זיין הייליגן שווער הרה"ק רבי צבי הירש מזידיטשויב זי"ע, און אַנדערע שרפי מעלה, איז דער הייליגער ראָזלער געוועזן זעהר צובראָכן ביי זיך, און געזאָגט מיט בכיות:

- ווי זעץ איך זיך אַוועק אויף אַזאַ בענקל, וואו עס זענען געזעסן אנשי קודש און שרפי מעלה? נאָר וואָס דען, די משנה זאָגט (סוף מסכת פאה) אַז אַ מענטש וואָס האָט 200 זוז, טאָר נישט נעמען פון די קופה של צדקה, אָבער אויב ער האָט נאָר 199 זוז, מעג ער יאָ נעמען פון צדקה.

תוספות ברענגט (ב"ק דף ז') אין נאָמען פון ירושלמי, אַז אויב איינער האָט בלויז פופציג זוז, אָבער ער אַרבעט, טאָר ער נישט נעמען מקופה של צדקה, כאָטש ס'איז נאָר פופציג זוז, זאָגט דער ירושלמי (פאה פ"ח ה"ט), " טבין חמשין דעבדין ממאתן דלא עבדין", דער וואָס אַרבעט, אַפילו אויב ער פאַרדינט נאָר פופציג זוז, איז חשוב'ער ווי צוויי הונדערט זוז וואָס דער מענטש וואָס אַרבעט נישט פאַרמאָגט. דערפאַר טאָר דער מענטש וואָס פאַרמאָגט פופציג אָבער ער אַרבעט, נישט נעמען פון דער קופה של צדקה.

און דער ראָזלער האָט אויסגעפירט, מיט די זידיטשויבער תנועה: "אָבער טבין חמשין דעבדין ממאתן דלא עבדין". די כוונה דערפון איז, איך בין טאַקע נאָר "חמשין", אָבער "דעבדין", איך קען נאָך טוהן עפּעס אויף דער וועלט, אָבער די צדיקים וואָס זענען שוין נסתלק געוואָרן, כאָטש זיי זענען בבחינת "מאתן", אָבער "לא עבדין". זיי קענען שוין גאָרנישט טוהן, ווייל זיי זענען שוין אויפ'ן עולם האמת. און ער האָט אויסגעפירט "אשובה אראה צאנך אשמור" [איך וועל זיך אומקערן און אומקוקן דיינע שאָף אָפּהיטן]!

ה. דער "חתם סופר" זאָגט, כאָטש אין תהלים זענען דאָ 150 קאַפּיטלען, ווערט עס גערעכנט פאַר 147 - קמ"ז מזמורים, ווי עס שטייט אין מסכת סופרים (פט"ז הי"א) ווייל די חז"ל זאָגן (ברכות ט:) אַז די ערשטע צוויי קאַפּיטלען פון תהלים זענען ווי איין קאַפּיטעל, פּתח באשרי וסיים באשרי" (דאָס ערשטע קאַפּיטל פאַנגט זיך אָן מיט "אשרי האיש", און דאָס צווייטע קאַפּיטל ענדיגט זיך "אשרי כל חוסי בו"), און "למנצח על מות לבן" און "למה ה'" זענען אויך איין קאַפּיטל (עי' תוס' מגילה יז: ועי' תוס' פסחים קיז: שמזמור קלד ומזמור קלה חדא הם).

זאָגט דער "חתם סופר", אַז די קמ"ז מזמורים פון תהלים זענען אַנטקעגן די קמ"ז קללות אין דער תורה - 98 אין פרשת כי תבא, און 49 אין פרשת בחוקותי. דורך זאָגן תהלים, איז מען ממתיק די אַלע קללות.

ו. דעם חוזה'ס הייליגע לשון אין "דברי אמת" איז: "הרוצה שיתקיימו נכסיו שיקובלו תפלותיו, יטע בהן

דאַרפן מיר דעריבער זעהן אויסצונוצן די הייליגע און גרויסע זמנים פון חודש אדר.

עס שטייט אין תנא דבי אליהו (זוטא פ"ו) "אמר לו הקב"ה למשה, אינך יכול לעמוד על כל מדותי, אבל הריני מודיעך מקצת מדותי. אתה רואה בני אדם, אף על פי שאין בידם תהלה ושבח של מעשים טובים, לא ממעשי ידיהם ולא במעשי אבותיהם, רק בשעה שהם עומדים ומודים ומברכים ומשבחים ומעלים תחנונים לפני, אני נזקק להם לכפרת עוונותיהם". דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה רבינו, דו קענסט נישט פאַרשטיין אַלע מיינע מדות, אָבער איך וועל דיר לאָזן וויסן טייל פון מיינע מדות. דו זעסט מענטשן, כאָטש זיי האָבן נישט קיין מעשים טובים, נישט זיי און נישט זייערע עלטערן, אָבער ווען זיי שטייען און בענטשן און לויבן מיך, און זיי זענען מתפלל צו מיר, בין איך מוחל זייערע עבירות.ז

יה"ר שתשרה שכינה במעשי ידיכם - אָן תפילה קען מען גאָרנישט באַקומען

אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה, נאָך די משכן איז פאַרענדיגט געוואָרן (לט, מג) "ויברך אותם משה" משה האט זיי געבענטשט, זאָגט רש"י, אַז משה רבינו ע"ה האָט מתפלל געווען "יהי רצון שתשרה שכינה במעשי ידיכם", עס זאָל זיין דער ווילן פון באַשעפער, אַז די שכינה זאָל רוהען אין אייערע מעשים, דאָס הייסט אינעם משכן וואָס די אידן האָבן געבויט.

פרעגט דער חיד"א, דער אויבערשטער האָט דאָך געזאָגט (שמות כה, ח) "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם", די אידן זאָלן מאַכן פאַר מיר אַ משכן און איך וועל רוהען צווישן זיי. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט משה געדאַרפט בענטשן די אידן אַז די שכינה זאָל רוהען אויפ'ן משכן?

ענטפערט דער חיד"א, אַז דער רבונו של עולם האָט אַריינגעלייגט אין טבע פון דער בריאה, אַז אָן תפילה קען מען גאָרנישט באַקומען. דער אויבערשטער האָט טאַקע געזאָגט "ושכנתי בתוכם", אָבער די אידן קענען זוכה זיין דערצו נאָר מיט תפלה, אויב זיי וועלן מתפלל זיין דערויף.

אַזוי טייטשן די ספרים דעם פסוק (דברים לב, מט) "עלה אל הר העברים הזה, ומות בהר וגו' ויעל משה אל הר ההר בעצם היום הזה", משה איז אַרויף געגאַנגען אויפן באַרג אינמיטן העלן

אדר, פי' יתפלל על זה בראש חודש אדר, ואז יפלה את תפלתו, שנאמר אדיר במרום, הוא תפלה העומד ברומו של עולם (ברכות ו:), ה', נעשה רחמים".

ז. הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל האָט געזאָגט, עס וועט גע'פסק'ענט, אַז אויב מ'זאָגט אין זומער "ותן טל ומטר", דאַרף מען איבערדאַווענען, ווייל עס איז אַ סימן קללה ח"ו. האָט רבי חיים ברים געזאָגט, אַז איינער וואָס זאָגט "ותן טל ומטר" זומער, וואָלט ער נישט מורא געהאַט פאַר זיינע ברכות, און אַוודאי נישט פאַר זיינע קללות... ווייל אויב ער האָט געזאָגט "ותן טל ומטר" זומער, האָט ער דאָך נישט מכוין געווען ביים דאַווענען (זיין קאָפּ איז געווען ערגעץ אַנדערש...), פונדעסטוועגן דאַרף ער איבערדאַווענען, ווייל ער קען ברענגען אַ קללה ח"ו מיט'ן זאָגן "ותן טל ומטר". איז דאָך על אחת כמה וכמה אַז אַ איד איז מכוין ביים זאָגן "רפאנו ה' ונרפא", אַז עס ווערט יאָ נתקבל, און דאָס זעלבע ביי די אַנדערע ברכות און תפלות.

דער "חפץ חיים" זצ"ל האָט אַמאָהל געזעהן ווי אַ איד, וועלכער איז געווען אַ באַנקיר, "כאַפּט אָפּ דאָס דאַווענען, ער דאַווענט גאָר שנעל. האָט דער "חפץ חיים" געזאָגט צו דעם באַנקיר, ער זאָל נישט גיין היינט אין באַנק, ווייל ער קען אָנמאַכן שאָדענס... ווייל עס שטייט דאָך אין שולחן ערוך, אַז מען דאַרף דאַווענען "כמונה מעות" - פונקט ווי מען ציילט געלט, און אויב זיין דאַווענען זעהט אויס אַזוי, וועט דאָס ציילן געלט אויך אויסזעהן אַזוי, ער וועט ציילן צו-שנעל...

טאָג. זאָגט רש"י, אַז עס שטייט דריי מאָהל די ווערטער "בעצם היום הזה": "בעצם היום הזה בא נח" (בראשית ז, יג), "בעצם היום הזה" שטייט ביי יציאת מצרים (שמות יב, יז), און ביי די הסתלקות פון משה רבינו.

זאָגט רש"י, אַז ביי נח שטייט "בעצם היום הזה", ווייל אויב עס וואָלט געווען אינמיטן נאַכט, וואָלטן די מענטשן פון דור המבול געזאָגט, אַז אויב נח וואָלט אַריין אין דער תיבה אינמיטן טאָג, וואָלטן זיי איהם נישט געלאָזט אַריינגיין אין דער תיבה. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געברענגט דעם מבול "בעצם היום הזה".

אויך ביי יציאת מצרים שטייט "בעצם היום הזה", כדי די מצריים זאָלן נישט קענען זאָגן, "אויב עס וואָלט געווען אינמיטן טאָג, וואָלטן מיר זיי גע'הרג'עט". האָט דער אויבערשטער ספּעציעל געמאַכט דעם נס פון יציאת מצרים "בעצם היום הזה", און פונדעסטוועגן, האָבן די מצריים גאָרנישט געקענט טוהן.

אויך ביי משה שטייט "בעצם היום הזה", כדי די אידן זאָלן נישט קענען זאָגן, אַז אויב עס וואָלט געווען אינמיטן טאָג, וואָלטן זיי נישט צוגעלאָזט אַז משה זאָל נסתלק ווערן.

פרעגן די מפרשים, בשלמא די ערשטע צוויי זאַכן, דער דור המבול און יציאת מצרים, קענען די רשעים זאָגן אַז אינמיטן טאָג וואָלטן זיי עס נישט צוגעלאָזט, אָבער ביי משה רבינו, ווי אַזוי וואָלטן די אידן געקענט צוריקהאַלטן אַז משה זאָל נישט נסתלק ווערן[ח]?

איז דער תירוץ, אַז די אידן וואָלטן מתפלל געווען אַז משה זאָל לעבן, און מיט תפלות וואָלטן די אידן געקענט פועל'ן אַז משה זאָל בלייבן לעבן, ווייל תפלה מאַכט בטל יעדע גזירה[ט].

ישימך אלקים כאפרים וכמנשה - חודש העיבר איז מסוגל אויסצואורבעטן די מדה פון קנאה

דער "בני יששכר" זאָגט אַ כוונה אין די ווערטער פון די חז"ל (תענית כט.) "משנכנס אדר מרבין בשמחה", ווען חודש אדר דערגרייכט דאַרף מען זיך מערן מיט די מידה פון שמחה, לויט ווי דער טור (סימן תי"ז) ברענגט אין נאָמען פון זיין ברודער הרב יהודה, אַז די 12 חדשים פון יאָהר, זענען אַנטקעגן די 12 שבטים, און חודש אדר איז אַנטקעגן יוסף. דער בני יששכר איז מוסיף אויף דעם אַז דערפאַר זענען דאָ צוויי חדשים פונקט פון דעם חודש אדר אין אַן עיבור יאָהר, ווייל שבט יוסף האָט זיך צעטיילט אויף מנשה און אפרים (אויך איז מזל אדר דגים, און ביי יוסף שטייט וידגו לרוב בקרב הארץ).

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון יוסף צו יעקב (וועגן מנשה און אפרים) (בראשית מח, ט) "בני הם אשר נתן לי אלקים בזה" זיי זענען מיינע קינדער, וואָס די באַשעפער האָט מיר געגעבן מיט דעם, ז"ה איז בגימטריא 12. דאָס איז אַ רמז אויף דעם צוועלפטן חודש פון יאָהר.

ח. דער גאון בעל "בית הלוי" זצ"ל ענטפערט, אַז וויבאַלד דאָס אַרויפגיין אויפ'ן הר נבו איז געווען אַ תנאי אין משה'ס הסתלקות, וואָלטן זיי איהם געקענט שטערן נישט אַרויפצוגיין אויפ'ן באַרג, און ממילא וואָלט ער נישט נסתלק געוואָרן.

ט. מיר האָבן שוין מערערע מאָהל נאָכגעזאָגט די ווערטער פון שיטה מקובצת (כתובות קד.) אויף די ווערטער פון דער גמרא "כל מאן דיימר נח נפשיה דרבי ידקר בחרב", אַז די תלמידים האָבן געוואָלט מחיה מתים זיין רבינו הקדוש, און דער וואָס זאָגט אַז רבי לעבט שוין נישט, איז גורם אַז מ'זאָל מער נישט מתפלל זיין אַז ער זאָל ווערן לעבעדיג, וועגן דעם "ידקר בחרב", ווייל כל זמן מ'זאָגט עס נישט אַרויס מיט'ן מויל, קען מען נאָך פועל'ן, אָבער אויף תחיית המתים ווערט מען דאָך נישט דאַווענען.

זאָגט דער "בני יששכר", אַז לויט דעם וואָס אדר איז אַנטקעגן מנשה און אפרים קומט אויס, אַז חודש אדר איז מסוגל אַז מען זאָל נישט מקנא זיין איינער דער צווייטן, ווייל מיר זעהען דאָך ווען יעקב האָט געשטעלט אפרים (וואָס איז אַנטקעגן חודש אדר ב׳) פאַר מנשה, ווי דער פסוק זאָגט (שם שם, כ) "וישם את אפרים לפני מנשה", אַז מנשה האָט נישט מקנא געווען אפרים, און אפרים, דער יונגערער, האָט זיך נישט געהאַלטן גרוים איבער מנשה'. צוליב דעם האָט יעקב אבינו זיי געוואונטשן "ישימך אלקים כאפרים וכמנשה" (בראשית מח, כ), וואָס אַלע קומענדיגע דורות זענען געבענטשט געוואָרן מיט די דאָזיגע ברכה.

דאָס איז די כוונה פון דעם מאמר, "משנכנס אדר מרבין בשמחה", ווייל חודש אדר איז מסוגל אויסצורייסן די שלעכטע מדה פון קנאה, ווי מיר האָבן געזעהן ביי מנשה און אפרים, און אַז מען האָט נישט קיין קנאה אויף אַן אַנדערן, קען מען זיין פרייליך, ווייל די גאַנצע סיבה וואָס מ'קען נישט זיין פרייליך, איז דאָך נאָר ווייל מ'זעהט אַז "יענער האָט מער פון מיר" און מען פאַרגינט איהם נישט, אָבער אַז מ'האָט נישט קיין קנאה, פירט מען זיך אויף שיין צו יעדן[יא], און מען קען שטענדיג זיין בשמחה.

דאָס איז אָבער נאָר ווען מ'לעבט מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, ווי דער "חובת הלבבות"

י. עי׳ מזה ג"כ בספרו אגרא דכלה פרשת ויחי.

יא. עס ווערט דערציילט, אַז הגאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל איז אַמאָהל געגאַנגען מיט איינעם פון זיינע תלמידים, אַ בחור אין דער טשעבינער ישיבה, צו אַ פסיכיאַטאָר. זיצנדיג אין פאָדער-צימער, האָט רבי אברהם באַמערקט אַ יונגערמאַן וועמען ער האָט געקענט, און זעהענדיג יענעם'ס פאַרוואונדערונג, איז רבי אברהם צוגעגאַנגען צו יענעם און געזאָגט:

- איך בעט ביי דיר אַ טובה, דו זאָלסט קיינעם נישט דערציילן אַז דו האָסט מיך דאָ געטראָפן!... (כדי יענער זאָל מיינען, אַז רבי אברהם איז געקומען פאַר זיך...).

אָט אַזוי האָבן גדולי ישראל אויסגענוצט זייער "גאונות" און פיקחות, אויך אין די ענינים פון בין אדם לחבירו, נישט ווי צו טוהן אַן אַנדערן איד.

הגה"צ רבי חיים ברים זצ"ל איז אַ צייט געווען אַ ראש ישיבה אין סקווירא. אַמאָהל איז זיין חברותא מיט וועמען ער פלעגט דאָרט לערנען בייינאַכט (וועלכער איז געווען אַביסל "מאָדנע") אַריינגעקומען צום לערנען אָנגעטוהן מיט מאָדנע קליידונג. רבי חיים האָט חושש געווען אַז דער עולם אין בית המדרש וועט זיך נעמען לאַכן פון יענעם, האָט ער זיך אָנגערופן מיט די פאָלגענדע מעשה:

עס איז ידוע אַז דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע האָט אַמאָהל געבעטן דעם רבי'ן ר׳ ברוך'ל פון מעזיבוז אַז ער וויל זיין שבת מיט איהם אין אַ גאַסט-הויז, האָט רבי ברוך'ל מסכים געווען, אָבער בתנאי, אַז ער זאָל זיין שטיל אַ גאַנצן שבת... (כידוע, פלעגט דער באַרדיטשובער רב דינען דעם באַשעפער מיט אַ געוואַלדיגע התלהבות).

כך הוה, דער באַרדיטשובער רב איז געבליבן אויף שבת, און איז געווען "שטיל". ביי די סעודה, האָט דער גאַסט-געבער געפרעגט דעם באַרדיטשובער רב, צו ער האָט ליב פעפער... האָט דער באַרדיטשובער רב זיך צעפייערט:

- פעפער האָב איך ליב? דעם באַשעפער האָב איך ליב?!

ווען רבי חיים ברים האָט דערציילט די מעשה, און אויסגעפירט הויך אויפ'ן קול "פעפער האָב איך ליב?! דעם באַשעפער האָב איך ליב?!", האָט דער עולם זיך צעלאַכט, אויך דער מאָדנער חברותא פון רבי חיים, און אַזוי האָבן די אָנוועזענדע אידן פאַרגעסן צו לאַכן פון זיינע מאָדנע בגדים.

זאָגט, אַז דער מענטש איז מחויב צו גלייבן, אַז אַפילו אויב ער וואָלט געווען איינער אַליין אויף דער וועלט, וואָלט ער נישט געהאַט אַפילו אַ משהו מער געלט אָדער כבוד, און דאָס איז דער יסוד און שורש פון אמונה.

דער מדרש זאָגט (במדב"ר פכ"ב, ז) אַז געלט און פאַרמעגן ווערט גערופן "נכסים", פון לשון "מכוסים" ("נִכְסִים"), פון איין מענטש איז דאָס געלט פאַרדעקט, און פאַר אַ צווייטן איז עס אויפגעדעקט.

איז שוועער, גאַנץ רעכט דער מענטש וואָס האָט נישט קיין געלט, איז עס פאַר איהם "מכוסים", פאַרדעקט, אָבער פאַרוואָס הייסט עס "נכסים" אויך פאַר די רייכע מענטשן? פאַר זיי וואָלטן די פאַרמעגנס געדאַרפט גערופן ווערן "מגולים"?

נאָר דאָס וואָס איינער האָט עפּעס מער ווי דער אַנדערער, איז דאָך נאָר דערפאַר ווייל פאַר'ן צווייטן איז עס "מכוסה" - פאַרדעקט, און דערפאַר איז עס אַ "נכס"[יג].

השפל עצמך וינשאך המקום - די אדנים ליגן אויף דער ערד אבער אויף זיי שטייט דער גאנצע משכן

די מפרשים זאָגן (עי' כלי יקר) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (לח, כז) "מאת אדנים למאת הככר ככר לאדן", די הונדערט אדנים האָט מען געמאַכט פון די הונדערט ככר זילבער. די אדנים זענען געמאַכט געוואָרן פון די תרומת המשכן וואָס אַלע זענען געווען גלייך אין דעם [יעדער האָט נאָר געגעבן אַ מחצית השקל], פון דעם האָט מען געמאַכט די אדנים, וואָס זענען אויף די ערד אונטער די קרשים, אָבער זיי זענען מעמיד די גאַנצע קומת המשכן, אונז צו לערנען די האַרבקייט פון גאוה און התנשאות, און וויבאַלד די אדנים ליגן אויף די ערד בשפלות, און זיי זענען מעמיד די גאַנצע בנין, דערפאַר האָט מען גענומען פאַר דעם פון די תרומת המשכן, וואָס אַלע זענען געווען גלייך אינדעם אָן

יב. עס איז ידוע וואָס הרה"ק רבי משה לייב סאַסובער זי"ע האָט געזאָגט, אַז מ'קען זיך אָפּלערנען פון אַ קליין קינד דריי זאַכן:

א) ער שטייט קיינמאָהל נישט לידיג, ער איז שטענדיג פאַרנומען. ב) ער וויינט ביז מ'גיט איהם וואָס ער וויל האָבן. ג) ווען מ'גיט עס איהם, איז ער פריילך.

דאַרף מען פאַרשטיין, מילא די ערשטע צוויי זאַכן, וואָס אַ קינד איז פאַרנומען און אַזוי דאַרפן מיר זיין שטענדיג פאַרנומען, איז פאַרשטענדליך. אויך דאָס צווייטע, אַז ער וויינט ביז מ'גיט איהם וואָס ער פאָדערט, דאַרף אַ איד זיך אַראָפּלערנען דערפון, צו בעטן און בעטן פון דעם אויבערשטען ביז ער וועט איהם געבן וואָס ער דאַרף האָבן. אָבער דער דריטער לימוד, אַז דאָס קינד איז פריילך נאָכ'ן באַקומען וואָס ער האָט געוואָלט האָבן, איז דאָך שייך אויך ביי אונז, יעדער איינער וואָס באַקומט וואָס ער האָט געגלוסט, איז פריילך?

נאָר וואָס דען, ווען מ'באַקומט וואָס מ'האָט געוואָלט איז מען טאַקע פריילך, אָבער פונדעסטוועגן, איז עס בלויז אַן איינרעדעניש, ווייל מ'איז פריילך אַ טאָג, צוויי, דריי טעג, אַ וואָך, אָבער שפּעטער הייבט מען אָן צו גלוסטן מער, ווי די חז"ל זאָגן (קה"ר פ"א, לד) "מי שיש לו מנה רוצה מאתים".

אָט דאָס דאַרפן מיר געדענקען ביי יעדע זאַך, מ'איז טאַקע פריילך ווען מ'באַקומט וואָס מ'האָט געגלוסט צו האָבן, אָבער שפּעטער פאַרגעסט מען, און מען וויל שוין האָבן מער. דאָס איז דער לימוד פון אַ קינד, אַז ווען מ'גיט איהם עפּעס, בלייבט ער פריילך דערמיט, ווייל ער האָט נישט קיין שכל צו זאָרגען אויף שפּעטער, אַזוי אויך דאַרפן מיר בלייבן פריילך און זיך נישט זאָרגן אויף שפּעטער, נאָר בוטח זיין אויפן הייליגען באַשעפער וואָס איז דער זן ומפרנס ומכלכל לכל.

קיין שום אונטערשייד פון איינער צום צווייטען, און דוקא פון דעם געמאַכט די אדנים.

דאָס איז "אדן" - מלשון אדנות (עי' שפת אמת, פקודי תרמ"ו), ווי דער רמב"ן שרייבט (אגרת הרמב"ן, בתחלתו) "השפל עצמך וינשאך המקום", אַז דו וועסט דיך האַלטן קליין, וועט דער אויבערשטער דיך אויפהייבן.

אַזוי זאָגט שוין דער בעל הטורים, אַז די איינציגע זאַך אין משכן וואָס איז געווען "לחצאין", אמתים וחצי, אמה וחצי, איז געווען דער ארון, ווייל נאָר אַז מען האַלט זיך ווי אַ העלפט, איז מען זוכה צו כתר תורה.

דאָס איז אויך דער ענין פון מחצית השקל, ווי דער אלשיך הק' זאָגט אַז עס קומט צו לערנען ענוה, אַז דער מענטש זאָל וויסן אַז ער איז נישט מער ווי אַ העלפט[יג].

מאת אדנים למאת הככר - הונדערט ברכות אַ טאג

אויפ'ן פסוק (לח, כז) "למאת הככר ככר לאדן", שרייבט דער "בעל הטורים": "וכנגדן תיקן מאה ברכות בכל יום". די הונדערט ככר פון די אדנים, זענען אַנטקעגן די הונדערט ברכות וואָס מיר זאָגן יעדן טאָג. וואָס איז דער קשר פון די מאת הככר צו מאה ברכות?

ענטפערט דער חידושי הרי"ם זצ"ל, די אדנים האָבן אונטערגעהאַלטן דעם משכן. דער מענטש איז ווי אַ משכן, און אויף דעם זאָגט די תורה, אויב דער מענטש זאָגט הונדערט ברכות יעדן טאָג, האַלט ער אונטער זיין אייגענעם משכן, ווייל דאָס איז די יסוד פון די קדושה פון אַ איד.

רבינו תם שרייבט אין ספר הישר "טוב מעט התמידי מהרבות שלא יעמוד". עס איז בעסער אַביסל, וואָס האַלט אָן אייביג, ווי אַ סאַך וואָס האַלט נישט אָן, עס האָט נישט קיין המשך.

יג. הגאון רבי חיים וואָלאָזשינער זצ"ל האָט געטייטשט די ווערטער פון די חז"ל (תנחומא תשא, ג) אמר משה לפני הקב"ה, רבונו של עולם, משאני מת אין אני נזכר, אמר לו הקב"ה, חייך, כשם שאתה עומד עכשיו ונותן להם פרשת שקלים ואתה זוקף את ראשן, כך בכל שנה ושנה שקוראין אותה לפני כאילו אתה עומד שם וזוקף את ראשן" וכו'.

זאָגט רבי חיים וואָלאָזשינער, כאָטש משה רבינו איז געווען דער גדול הדורות, אדון כל הנביאים, האָט די תורה איהם בעיקר אויסגעלויבט מיט איין מעלה: "והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה" (במדבר יב, ג).

מיר דאַרפן וויסן, אַז משה האָט זוכה געווען צו אַלע מעלות נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַזאַ גרויסער עניו. דאָס האָט משה געפרעגט: "משאני מת אין אני נזכר", משה האָט נישט געמיינט צו בעטן מ'זאָל איהם דערמאנען שפּעטער, נאָר ער האָט געמיינט צו זאָגן, יעצט אַז איך לעב, זעהען אידן ווי חשוב עס איז די מדה פון ענוה, וואָס די עניוות מאַכט גרויס דעם מענטש, אָבער שפּעטער וועט מען דאָך נישט וויסן דערפון אַז שפלות מאַכט גרויס דעם מענטש?

אויף דעם האָט דער באַשעפער איהם געשוואוירן, "בכל שנה ושנה כשקוראין לפני פרשת שקלים, אתה עומד וזוקף את ראשן", ווען אידן וועלן זיך צוברעכן זייערע הערצער, צו זיין אין דער בחינה פון "מחצית", וואָס איז מרמז אויף ענוה, דעמאָלס "אתה עומד וזוקף את ראשן", וועלן אידן וויסן אַז דער מענטש וואָס האַלט זיך קליין, ווערט גרויס.

פון דער אַנדערער זייט, דאַרף מען אָבער געדענקען, אַז מען האָט פון יעדן איינעם גענומען אַ מחצית השקל, און דאָס איז אַ לימוד, אַ איד דאַרף געדענקען: אויך מיך האָט מען געציילט, און איך בין נישט בטל געוואָרן, איך בין גאָר חשוב!

וועגן דעם דאַרפן מיר זעהן מקבל צו זיין אויף זיך, אַז על כל פּנים אַפּאָר ברכות אַ טאָג זאָלן מיר מחזק זיין צו זאָגן בקדושה וטהרה און אונזין האָבן איידער מיר זאָגן עס אַרויס פון מויל, און דער קליינע קבלה זאָל זיין ביי אונז ווי אַ "יהרג ואל יעבור" ח"ו.

עס איז ידוע וואָס דער טור שרייבט (או"ח סימן מ"ו) דתניא היה רבי מאיר אומר, מאה ברכות חייב אדם לברך בכל יום וכו', והשיב רב נטרונאי ריש מתיבתא דמתא מחסיא, דוד המלך ע"ה תיקן מאה ברכות, דכתיב (שמואל ב, כג), הוקם על, ע"ל בגימטריא ק' הוי. כי בכל יום היו מתים ק' נפשות מישראל ולא היו יודעין על מה היו מתים עד שחקר והבין ברוח הקודש, ותיקן להם לישראל ק' ברכות וכו'. דוד המלך ע"ה האָט מתקן געווען מ'זאָל זאָגן הונדערט ברכות יעדן טאָג, ווייל דוד האָט געזעהן אַז עס שטאַרבן אויס יעדן טאָג 100 אידישע נפשות רח"ל, האָט ער מיט זיין רוח הקודש מתקן געווען צו זאָגן 100 ברכות, און אַזוי איז די גזירה בטל ווערן.

פרעגט הגה"צ רבי שמשון פינקוס זצ"ל, פאַרוואָס האָט דוד נישט מתקן געווען אַן אַנדערע תקנה, צו פאַסטן הונדערט תעניתים, אָדער צו זאָגן הונדערט קאַפּיטלעך תהלים, פאַרוואָס האָט ער פונקט מתקן געווען צו מאַכן הונדערט ברכות?

זאָגט ער, אַז ווען דוד המלך האָט געזעהן אַז יעדן טאָג שטאַרבן אויס 100 בחורים האָט ער פון דעם פאַרשטאַנען אַז עס איז דאָ אַ חרון אף רח"ל. ווען צוויי מענטשן זענען אָבער צוקריגט, איז אויב איינער וועט גיין צום אַנדערן און רעדן צו איהם שיין, הונדערט מאָהל אַ טאָג, קען נישט ווערן דאָרט קיין עונשים. אַזוי איז די מגפה אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָך דעם ווי מ'האָט אָנגעהויבן זאָגן 100 ברכות יעדן טאָג, ווייל דורך דעם וואָס מ'רעדט שטענדיג שיין צום אויבערשטען, ווערט בטל דער חרון אף.

דער ראב"ן שרייבט אין ספר המנהיג: "הנה כי כן יבורך גבר ירא ה'". כ"י כ"ן איז בגימטריא 100. אין זכות פון די 100 ברכות וואָס מ'זאָגט יעדן טאָג, ווערט מען געבענטשט.

הגה"ק רבי חיים וויטאַל זצ"ל, שרייבט (שער רוח הקודש, דף יא.) "הזהירני מורי ז"ל, כי עיקר השגת האדם אל רוח הקודש תלויה ע"י כוונת האדם, וזהירות בכל ברכת הנהנין", מיין רבי האט אנגעווארענט אז די השגה פון דער מענטש זוכה צו זיין צו רוח הקודש, איז דורך די כוונה פון דער מענטש, און זיין אכטונג געבן צו מאַכן אַ ברכה ווי געהעריג.

איז רבי חיים וויטאַל מסביר, עס איז ידוע אַז די מאכלים ברענגען אַ רפיון אין עבודת ה'. אין יעדן מאכל איז דאָ אַ חלק הרוחני, און אַ חלק הגשמי. דער חלק הגשמי ציהט אַראָפּ דעם מענטש, אָבער דורך דעם וואָס דער מענטש מאַכט אַ ברכה בכוונה אויפ'ן מאכל, ווערט נסתלק דער חלק הגשמי פונעם מאכל און עס בלייבט נאָר רוחניות, און אַזוי באַקומט דער מענטש רוח הקודש.

אַוודאי קענען מיר נישט פאַרלאַנגען פון קיינעם נישט צו עסן וואָס מ'דאַרף פאַר'ן חיזוק הגוף, אָבער מ'קען דאָך על כל פּנים פּראָבירן צו מאַכן אַ ברכה אויפ'ן מאכל ווי געהעריג, כדי ממשיך צו זיין די קדושה אויפ'ן מאכל.

דאָס איז אויך מרומז אין וואָרט תשוב"ה - תש"ב ו"ה, אַז דער שם ו"ה זאָל אויך געהערן צו די קדושה, פונקט ווי דער שם י"ה.

דער "יסוד ושורש העבודה" שרייבט (שער האשמורות, פרק ב') "נקוט האי כללא בידך", געדענק גוט דעם דאָזיגן כלל, "באיזה ברכה שיהיה, כשהוא אומר ברוך אתה, יצייר במחשבתו כאילו ממש אומר ברכה זו נגד הבורא יתברך ויתעלה", ביי יעדע ברכה וואָס אַ מענטש מאַכט, ווען ער זאָגט די ווערטער "ברוך אתה", זאָל ער אָפּמאָהלן

אין זיין מחשבה ווי ער זאָגט ממש די דאָזיגע ברכה שטייענדיג אַנטקעגן דעם באַשעפער ב"ה.

ער פירט אויס מיט אַ שאַרף לשון: "ומי שאינו מכוין ומצייר במחשבתו במשמעות הברכה, ברור לכל בעל שכל כאילו לא בירך כלל", דער מענטש וואָס איז נישט מכוין און שטעלט נישט פאַר אין זיין מחשבה דעם באַדייט פון די ברכה, אַז ער מאַכט עס אַנטקעגן דעם באַשעפער ב"ה ממש, איז קלאָר פאַר יעדן בעל שכל, אַז עס איז גלייך ווי ער וואָלט אינגאַנצן נישט געמאַכט די ברכה.

די ברכות וואָס אַ מענטש מאַכט, ברענגען איהם צו דביקות בה', ווי דער "בעל הטורים" שרייבט אויפ'ן פסוק (דברים ד, ב) "ואתם הדבקים בה' אלקיכם - תגין על הקו"ף, רמז לק' ברכות שצריך לברך בכל יום". עס זענען דאָ קרוינען אויפ'ן וואָרט "הדבקים", מרמז צו זיין אויף די 100 ברכות וואָס מיר מאַכן יעדן טאָג.

חייב אדם לברך מאה ברכות בכל יום, מעורר צו זיין ביים באַשעפער וואס דרכו להטיב לבריותיו

מיר וועלן נאָכזאָגן דאָס לשון פון זוהר הקדוש (ח"א דף ע"ו) "כד בעא לנחתא לההוא עלמא", ווען די נשמה פון אַ איד דאַרף אַראָפּקומען אויף דער וועלט, "אומר קודשא בריך הוא למיהך פקודא אורייתא ולמעבד רעותא". זאָגט דער אויבערשטער פאַר די נשמה, אַז זי זאָל מקיים זיין די תורה און טוהן זיין רצון. "ומסר לן מאה מפתחין דברכאן לכל יומא", דער אויבערשטער האָט איבערגעגעבן פאַר די אידן 100 שליסלען פון ברכות יעדן טאָג, אַז מ'זאָגט די 100 ברכות יעדן טאָג, עפענט מען דעם שליסל פון די ברכות. "כחושבן לך לך". די ווערטער "לך לך" זענען גימטריא 100, און אויף דעם זאָגט דאָרט ווייטער דער פסוק (בראשית יב, ב) "ואברכך ואגדלה שמך והיה ברכה".

דער "חינוך" שרייבט (מצוה ת"ל) דעם טעם פאַרוואָס מיר זאָגן ברכות, ווייל דער באַשעפער וויל אונז בענטשן מיט אַלע גוטע ברכות.

ווי אַזוי איז מען ממשיך די ברכות? זאָגט דער "חינוך", אַז דער מענטש זאָגט צו דעם אויבערשטען "ברוך אתה", וואָס דער אויבערשטער איז דער מקור פון אַלע ברכות, און אַז מ'קלעבט זיך אָן אין דעם, מ'קאָכט זיך ביים זאָגן "ברוך אתה", ווערט מען געבענטשט מיט'ן אויבערשטען'ס ברכות.

ער שרייבט דאָס לשון: "ידוע הדבר ומפורסם הענין, שה' ב"ה תואר כל הנמצא, וברא אדם להשליטו על הארץ, וממדותיו ברוך הוא שהוא רב חסד, וחפץ בטובת בריותיו", דער אויבערשטער איז אַ רב חסד און ער וויל אַז עס זאָל זיין גוט פאַר אידן, און ער וויל אַז דער מענטש זאָל זיין ראוי צו די ברכה, "ולהריק עלינו מברכתו", ער וויל אַראָפּגיסן אויף אונז פון זיין ברכה. דערפאַר האָט דער אויבערשטער געהייסן מאַכן אַ ברכה, און די ברכה וואָס מיר זאָגן איהם, איז אַ הזכרה, כדי אונז מעורר צו זיין צו געדענקען אַז דער אויבערשטער איז דער מקור פון אַלע ברכות, וועט דאָך דער רבונו של עולם געבן אַלעס גוטס, ומתוך התעוררות הטובה הזה לנפשינו, וועט עס פועל'ן "להמשיך עלינו מברכותיו".

לויט דעם ווערט געברענגט אַ טייטש אויף די ווערטער פון דער גמרא (ברכות ז.) "אמר רבי ישמעאל בן אלישע, פעם אחת נכנסתי לבית קדשי הקדשים וכו', רבי ישמעאל בן אלישע האָט געזאָגט אַז איך בין אַמאָהל אַריינגעגאַנגען צום קדשי הקדשים, וראיתי אכתרי' י"ה ה"צ שיושב על כסא רם ונשא, און איך האָב געזעהן דער כביכול זיצן אויף אַ הויכע שטוהל, אמר לי, ישמעאל בני ברכני וכו', יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך" וכו', ער האָט צו מיר געזאָגט, מיין זוהן ישמעאל בענטש מיר וכו', האָב איך איהם געבענטשט, עס זאָל זיין דיין ווילן, אַז דיין מדה פון רחמים זאָל צוריקהאַלטן דיין כעס וגו'.

איז שווער, דער אויבערשטער כביכול האָט געבעטן רבי ישמעאל בן אלישע ער זאָל איהם

בענטשן (״ישמעאל בני ברכני״), פאַרוואָס האָט רבי ישמעאל מתפלל געווען, ״יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך״, און נישט אָנגעוואונטשן דעם באַשעפער כביכול?

נאָר לויט די ווערטער פון בעל החינוך, פאַרשטייט מען די גמרא. דער גאַנצער טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער זאָגט פאַר אַ איד ער זאָל מאַכן אַ ברכה, איז כדי מעורר צו זיין דער מדת הטוב פון דער רבש״ע וואָס איז דרכו להטיב, און דורך דעם זאָל דער מענטש געבענטשט ווערן. רבי ישמעאל האָט געוואוסט דערפון, האָט ער געזאָגט אַ תפלה ״יהי רצון שיכבשו רחמיך את כעסך״, אַז מיר זאָלן זיין געבענטשט, וואָס דאָס איז דעם אויבערשטען׳ס ברכה ער זאָל אונז בענטשען און קענען משפיע זיין גוט׳ס, ווי די טבע הטוב וויל שטענדיג משפיע זיין גוט׳ס.

יאָ, דער רבונו של עולם בעהט זיך ביי אונז, ״אלימלך בני, ברכני״, ״ר׳ יאַנקל בני, ברכני״, ווייל ער וויל אונז בענטשן און אָנגוסן מיט אַלע השפעות טובות.

לא תשא את שם ה׳ אלקיך - די הארבקייט פון הזכרת שם שמים לבטלה

דער ״כלי יקר״ שרייבט אויפ׳ן פסוק (שמות כ, ז) ״לא תשא את שם ה׳ אלקיך לשוא, כי לא ינקה ה׳ את אשר ישא את שמו לשוא״, דערמאַן נישט די נאָמען פון די רבש״ע דיין באַשעפער אומזינסט, ווייל די אויבערשטער וועט נישט ריינוואַשען דער וואָס דערמאַנט זיין נאָמען אומזינסט. די גמרא זאָגט (שבועות לט.) אַז די גאַנצע וועלט האָט אויפגעציטערט ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט ״לא תשא״. דער טעם דערפון איז, ווייל די גמרא דאַרט לערנט אַרויס פון פסוק (הושע ד, ב-ג) ״אלה וכחש ורצוח וגנוב על זאת תאבל הארץ״ וגו׳, אַז אויף אַלע עבירות באַשטראָפט מען דעם מענטש אַליין, אָבער אויף די עבירה פון שווערן אַ שבועת שוא, באַשטראָפט מען איהם און די גאַנצע וועלט. דערפאַר האָט די וועלט אויפגעציטערט ווען דער אויבערשטער האָט געזאָגט דעם לאו פון ״לא תשא״, ווייל די גאַנצע וועלט קען ליידן ח״ו פון דעם וואָס איין מענטש שווערט פאַלש.

זאָגט דער ״כלי יקר״, אַז וועגן דעם זאָגט דער פסוק אַ לשון פון אויפהייבן (״לא תשא״), ווייל דאָס איז אַזוי ווי אַ בוים, ווען אַ מענטש הייבט אויף אַ בוים און טראָגט עס, שאָקלען זיך אַלע צווייגן צוזאַמען מיט׳ן בוים, דאָס זעלבע איז ווען אַ מענטש שווערט אינעם באַשעפער׳ס נאָמען, וואָס די גאַנצע וועלט הענגט אויפ׳ן נאָמען פונעם באַשעפער ב״ה, טראָגט ער דאָך אַלע צווייגן וואָס ווערן געטראָגן מיט׳ן באַשעפער כביכול - וואָס דאָס איז די גאַנצע בריאה - און אַלע ווערן געשטראָפט ח״ו. דעריבער האָט די וועלט אויפגעציטערט ווען דער באַשעפער האָט געזאָגט ״לא תשא״.

צוליב דעם טעם שטייט ביים לאו פון ״לא תשא״ די ווערטער ״כי לא ינקה ה׳ את אשר ישא את שמו לשוא״, וגו׳ ווייל דאָס שווערן אומזיסט אויפ׳ן באַשעפער׳ס נאָמען איז דאָך אַן עבירה שבין אדם לחבירו (ווייבאַלד עס איז נוגע פאַר די גאַנצע בריאה, כנ״ל), און אויף עבירות שבין אדם לחבירו איז דער באַשעפער נישט מוחל ח״ו, נאָר אויב מ׳איז מפייס דעם חבר, און דער מענטש וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דעם אויבערשטען׳ס נאָמען פאַלש, קען דאָך נישט אַרומגיין אויפזוכן אַלע מענטשן פון דער וועלט כדי זיי מפייס צו זיין, ווייל ער האָט דאָך אַלעמען באַרירט מיט׳ן עונש ח״ו רח״ל, עכ״ד הכלי יקר.

מפתח של ברכה - אַרויסזאָגען דעם שם ווי עס דאַרף צו זיין ברענגט גרויסע השפעות

עס שטייט אין ספה״ק ״דרך פקודיך״ (מל״ת ל׳, חלק המחשבה), ״דהנה בהזכיר האדם את שמו יתברך במקום המצטרך, השם יתברך הוא לו לעזור ולסעד בכל עניניו״. ווען אַ איד זאָגט אַרויס דעם

שם ווי עס דאַרף צו זיין, איז דער אויבערשטער פאַר איהם אַ הילף אין אַלע זיינע ענינים. "דעל ידי שמותיו יתברך נתהוו כל הנבראים וכל ההוויות", ווייל דורך די נעמען פון דעם באַשעפער ב"ה, ווערן באַשאַפן אַלע באַשעפענישן און אַלע פּאַסירונגען. "ממילא בהזכיר את השם יתברך שמו פועל הוי' חדשה כפי תפילתו המוצרכת לו אז", ממילא, ווען ער דערמאנט דעם אויבערשטען'ס נאָמען פּועל'ט ער אַ נייע הוי', לויט די תפלה וואָס ער דאַרף דעמאלס האָבן.

לויט דעם, טייטשט דער "דרך פקודיך", דעם פסוק (תהלים צא, יד) "אשגבהו כי ידע שמי, יקראני ואענהו", ווייל ער דערמאנט מיין נאָמען, וועל איך איהם העלפן, ווייל מיט דערמאנען מיין נאָמען, מאַכט דער מענטש אַ נייע הוי'[יד].

דער "אור החיים" הקדוש זאָגט (דברים ו, ה) "ואהבת את ה' אלקיך" וגו', אַז מיר דאַרפן ליב האָבן דעם אויבערשטען, פאַר דעם ווייל "אלקיך", ער האָט אויסגעקליבן צו זיין נאָר אונזער באַשעפער. "ובהעיר האדם לבו לפרטים כאלו", און אַז דער מענטש איז מעורר זיין האַרץ צו אַזעלכע פרטים, "תתנתק נפשו ותתר ממקומה בהתעוררות נפלא ורם באהבת הנאהב יתעלה רום תפארת כבודו", וועט ער אויפוועקן זיין נפש מיט אַ וואונדערליכע און געהויבענע התעוררות, ליב צו האָבן דעם באַשעפער ב"ה.

דער זוהר הקדוש שרייבט (ח"ג דף רע"א) "ומאן דמברך לקודשא בריך הוא", און דער וואָס בענטשט דעם אויבערשטען, "יתברך", ווערט ער געבענטשט, "ונטיל איהו אינון ברכאן", ער נעמט די ברכות פאַר זיך, "כיון דההוא ברכה שריין אל רישיה, ומתמן יתפשט לכל עלמא", וויבאַלד די דאָזיגע ברכה רוהט אויף זיין קאָפּ, און פון דאָרט ווערט עס צושפרייט אויף די גאַנצע וועלט.

אויך זאָגט דער זוהר הקדוש, אַז ווען דער מענטש מאַכט אַ ברכה מיט כוונה, עפענען זיך אַלע טויערן אין הימל, ווייל די מלאכים רופן אויס, דאָס איז אַ מתנה פאַר'ן קעניג, דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה, ווייל ווען מ'ברענגט אַ מתנה פאַר'ן קעניג אַליין קען קיינער נישט אָפּהאַלטן די מתנה.

אויפ'ן וואָרט "ובקומך" (דברים ו, ז) שרייבט דער בעל הטורים, "תגין על הקו"ף, עס איז פאַרהאַן תגין אויף דעם קו"ף, מרמז צו זיין שכשיעמוד בבוקר יאמר מאה ברכות, וינצל מצ"ח קללות שנאמר גם כל חלי וכל מכה". אַז ווען דער מענטש שטייט אויף צופרי זאָל ער זאָגן הונדערט ברכות, און ווען מ'זאָגט די הונדערט ברכות, ווערט מען ניצול פון די הונדערט קללות, די צ"ח קללות מיט די צוויי קללות פון גם כל חלי וכל מכה.

דערפאַר דאַרף מען זעהן זיך מחזק צו זיין אין דעם, און שטענדיג צולייגען קאָפּ צו געדענקן צו זאָגן געהעריג יעדן שם שמים, ווייל טאָמער נישט פאַרגעסט מען גאָר גאָר שנעל, ווי דער סמ"ג שרייבט (לאוין, ל"ת ס"ד) אויף דעם לאו פון "השמר לך פן תשכח את ה' אלקיך", גיב אַכטונג נישט צו פאַרגעסן פון די אויבערשטער דיין באַשעפער (דברים ח, יא), "למנות זה בלאו, לא היה דעתי", איך האָב נישט געקלערט אויסצורעכענען דעם פסוק "השמר לך פן תשכח" וגו' אין מנין פון די לאוין, "גם רבינו משה לא חיברו ולא הזכירו בחשבון הלאוין", אויך אונזער רבי דער רמב"ם האָט עס נישט דערמאַנט אין חשבון פון די לאוין, אָבער מ'האָט מיר געוויזן אין חלום - "במראית הלילה" - "הנה שכחת את העיקר" - דו האָסט פאַרגעסן דעם

יד. דער "שרף", הרה"ק רבי אורי סטרעליסקער זי"ע, האָט געטייטשט וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען, "ברוך שאמר והיה העולם, ברוך הוא". ווען אַ מענטש זאָגט "ברוך", און ער פאַרשטייט "והיה העולם", אַז פון דעם שם ווערט נתהוה די גאַנצע בריאה, "ברוך הוא", דאָס איז די ריכטיגע ברכה.

עיקר. "והתבוננתי עליו בבקר, והנה יסוד גדול הוא ביראת שמים", און איך האָב זיך מתבונן געווען דערין אינדערפרי, און דאָס איז אַ גרויסער יסוד אין יראת ה'.

אויך ווערט געברענגט, אַז דער שר מקוצי האָט געזעהן אַ מלאך, וואָס האָט איהם געזאָגט, אַז די מחלה פון דעם דור איז שכחה. מען פאַרגעסט דעם עיקר. דעריבער, אַז מ'איז מקבל אויף זיך צו זאָגן כאָטש דריי ברכות בכוונה, אָדער צו זאָגן מיט כוונה די אַכצן שמות פון "יהי כבוד" אד"ג, אַ קליינער קבלה אָבער אַ שטאַרקע, איז מען דאַן אויך זוכה צו אַלע ברכות.

פקודי המשכן - מיט צדקה מעג מען זיך רימען

דער "חתם סופר" שרייבט אין דער היינטיגער פרשה (חתם סופר עה"ת, עה"פ ויתנו וגו') אויפ'ן פסוק (לט, כה) "ויתנו את הפעמונים בתוך הרמונים" וגו', מען האָט געלייגט די גלעקליך אינדערמיט די רמונים. עס איז דאָ אַ מחלוקת הראשונים, רש"י און דער רמב"ן, צו די פּעמונים זענען געווען אין די רמונים ממש, אָדער צווישן די רימונים.

שרייבט דער "חתם סופר", אַז "אלו ואלו דברי א' חיים", ביידע שיטות זענען ריכטיג. עס איז געווען אַ פּעמון אָן אַ רמון, דערנאָך איז געווען אַ רמון מיט אַ פּעמון אינוויינינג, און דערנאָך איז געווען אַ פּעמון אָן אַ רמון, און דערנאָך אַ רמון און אַ פּעמון אין איהם.

זאָגט דער "חתם סופר" אַ רמז אין דעם, לויט ווי די חז"ל זאָגן (ערכין טז.) אַז דער מעיל האָט מכפר געווען אויף די עבירה פון לשון הרע. קען מען זאָגן, אַז אין דעם כלל פון "לשון הרע", איז נישט נאָר עמיצער וואָס רעדט שלעכטס אויף זיין חבר, נאָר אויך דער וואָס באַרימט זיך: אַזוי און אַזוי האָב איך געטוהן מעשים טובים, איז דאָס ממש ווי לשון הרע[טו].

פירט אויס דער "חתם סופר", אַז די פּעמונים זענען טאַקע מכפר אויף לשון הרע, אָבער די רמונים וואָס האָבן געהאַט אין זיך פּעמונים, האָבן מכפר געווען אויף די וואָס זענען געווען "מלאים מצוות כרמון" - פול מיט מצוות ווי אַ מילגרוים, אָבער זיי האָבן "געקלינגען" מיט זייערע מצוות אינדרויסן, דהיינו, זיי האָבן מפרסם געווען זייערע מעשים טובים.

לויט דעם טייטשט דער "חתם סופר" דעם פּסוק (תהלים קיב, ט) "פזר נתן לאביונים צדקתו עומדת לעד". פז"ר איז ראשי תיבות פ'עמון ז'הב ר'מון, דאָס קומט מרמז צו זיין, אַז כאָטש ביי יעדע מצוה טאָר מען זיך נישט לויבן דערמיט, אָבער ביי צדקה איז אַנדערש. ביי צדקה מעג מען זיך רימען מיט די מצוה, ווייל ער גיט דאָך פאַר'ן צווייטן די צדקה. די גמרא זאָגט דאָך (תענית ט.) אַז מען מעג אויספּרואוון דעם אויבערשטען ביי צדקה, איז דאָך אַוודאי אַז מען מעג דערציילן וואָס מ'האָט געטוהן.

דאָס איז דער רמז אין פּסוק: "פזר נתן לאביונים", פז"ר ראשי תיבות פ'עמון ז'הב ר'מון, אַפילו אויב עס קלינגט דיין צדקה וואָס דו האָסט געגעבן, פונדעסטוועגן - "צדקתו עומדת לעד" - האָט די צדקה אַ קיום אויף אייביג, ווייל ביי מצות צדקה מעג מען דערציילן אַז מ'האָט געגעבן צדקה[טז].

טו. דער "חתם סופר" שרייבט דאָס לשון: "ומי לנו גדול מנחמיה, נענש על אמרו זכרה לי אלקי לטובה (סנהדרין צג:), ומכל שכן מי שאינו מתכוון אלא רק להתפאר" וכו'.

טז. אַ איד וואָס האָט געדאַרפט חתונה מאַכן, האָט שטייענדיג ביים כותל המערבי שטאַרק געוויינט. דאָרט איז געווען אַ צווייטער איד, און זעהענדיג ווי ער וויינט אַזוי, האָט ער איהם געפרעגט די סיבה פאַר זיין וויינען. האט דער איד דערציילט, אַז ער האַלט ביים חתונה מאַכן א קינד, און ער האָט

"משכן העדות" - אויך בזמן הזה איז דא דער משכן העדות, "דער ביהמ"ד"

אלה פקודי המשכן משכן העדות, אשר פקד על פי משה וגו' (כט, כא), די וואָכעדיגע סדרה הייבט זיך אָהן מיט די ציילונגען פון דער משכן העדות. זאָגט רש"י, "המשכן משכן שני פעמים" פאַרוואָס שטייט אין פסוק צוויי מאָהל משכן וכו'. זאָגט דער הייליגער "חתם סופר" זצ"ל (תורת משה פרשה זו), די חז"ל זאָגן אַז פון דעם געלט וואָס איז איבערגעבליבן פאַר'ן משכן, האָט מען געבויט אַ בית המדרש וואו משה רבינו ע"ה האָט פאָרגעלערנט שיעורים פאַר תלמידים. קומט אויס אַז עס זענען טאַקע געווען צוויי משכנות: אַ משכן וואו משה האָט געלערנט, און אַ משכן פאַר די עבודת הקרבנות.

זאָגט דער פסוק: "אלה פקודי המשכן" - דער ערשטער משכן איז געווען: "משכן העדות אשר פוקד על פי משה", דער משכן וואו משה רבינו האָט געלערנט תורה מיט אידישע קינדער. דער צווייטער משכן איז געווען: "עבודת הלוים ביד איתמר בן אהרן הכהן". די תורה זאָגט אָבער "משכן העדות" פריהער, צו לערנען אַז תורה קומט פריהער ווי עבודה, און כל שכן תלמוד תורה דרבים.

נישט אַפילו אַ פרוטה. האט דער צווייטער רחמנות באקומען, און איהם אַוועקגעגעבן אַ גרויסן סכום געלט וואָס ער האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּאָרט חתונה צו מאַכן זיינע קינדער. דער סכום איז געווען גענוג פאַר יענעם איד חתונה צו מאַכן.

ווען דער איד וואָס האָט געגעבן דאָס געלט, איז יענעם טאָג צו מנחה-מעריב אַריינגעקומען צו הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, האָט רבי שלמה'קע איהם געפרעגט, וואָס ער האָט היינט געטוהן וואָס זיין פנים שיינט אַזוי.

דער איד האָט זיך אַרויסגעדרייט פון ענטפערן, אָבער רבי שלמה'קע האָט איהם מפציר געווען ער זאָל איהם דערציילן וואָס פאַראַ גוטע זאַך ער האָט היינט געטוהן. האָט דער איד געזאָגט:

- אויב דער רבי זעהט נישט אויף מיר גענוי וואָס איך האָב געטוהן, איז אַ סימן אַז דער רבי דאַרף עס נישט וויסן!...

האָט רבי שלמה'קע געזאָגט פאַר דעם איד, "אויב דו ווילסט, וועל איך לערנען מיט דיר בחברותא" (דער איד פלעגט פריהער מפציר זיין רבי שלמה'קען ער זאָל לערנען מיט איהם בחברותא, און רבי שלמה'קע האָט זיך שטענדיג אַרויסגעדרייט דערפון). האָט דער איד דערציילט פאַר רבי שלמה'קע, אַז ער איז היינט געווען ביים כותל מערבי, און געטראָפן אַ איד וואָס דאַרף חתונה מאַכן אַ קינד, און האָט איהם אַוועקגעגעבן זיין גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע געלט.

האָט רבי שלמה'קע געזאָגט צו דעם איד:

- טאַקע דערפאַר האָב איך דיך געפרעגט וואָס דו האָסט געטוהן, ווייל ווען דו ביזט אַריינגעקומען צו מיר, האָב איך דערקענט אויף דיר אַז דו האָסט געטוהן אַ זאַך וואָס מיט דעם האָסטו מתקן געווען אַלעס וואָס דו האָסט געטוהן אין דעם איצטיגן גלגול, און אין פריהערדיגן גלגול.

עטליכע מינוט שפּעטער, איז אַ איד געקומען מזכיר זיין פאַר רבי שלמה'קען אַ מקשה לילד, און רבי שלמה'קע האָט געזאָגט יענעם איד ער זאָל זיך מזכיר זיין ביי דעם איד וואָס האָט געגעבן די צדקה.

ווייסט איר ווער דער איד איז געווען? - דאָס איז געווען דער פאָטער פון הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א!

דאָס איז די כוונה פון די ווערטער פון די חז"ל (ע"ז י.) "יש קונה עולמו בשעה אחת".

דער "דברי ישראל" (פרשתינו, ד"ה או יאמר הכפול) טייטשט דעם פסוק "אלה פקודי המשכן משכן העדות" וגו', זאָגט רש"י, עס שטייט צוויי מאָהל משכן, מרמז צו זיין אויף די צוויי בתי מקדש וואָס דער רבש"ע האָט פאַרמשכן'ט פון כלל ישראל. איז שווער, חז"ל זאָגן אונז דאך (עי' ילקוט בראשית, מז) אַז "בשעת חדוה חדוה", ווען עס איז אַ צייט פון שמחה, דאַרף מען זיך פרייען. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט די תורה דאָ - ביים בנין המשכן - מרמז געווען דאס ענין אַז די צוויי בתי מקדשות וועלן חרוב ווערן?

ענטפערט דער "דברי ישראל", ווייל חז"ל זאָגן (ברכות ח.) "מיום שחרב בית המקדש אין לו להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה", פון ווען עס איז חרוב געוואָרן די בית המקדש, האָט די רבש"ע אין דער וועלט נאָר די פיהר אמות פון די וואָס לערנען תורה, און עס שטייט אין זוהר הקדוש (ויקהל, דף ר.) "היכלא דקודשא בריך הוא אורייתא איהי, וכד בר נש עסוק באורייתא קודשא בריך הוא קאים תמן ואצית לקליה". די תורה איז דער היכל פון דעם באַשעפער, און ווען אַ איד לערנט תורה, שטייט דער אויבערשטער דאָרט און הערט אויס זיין קול.

דאָס האָט די תורה הקדושה אונז געוואָלט מרמז זיין, "אלה פקודי המשכן", אין דער צייט פון גלות ווען עס וועט פעהלן אַ משכן ביי אידן ("פקודי" איז אַ לשון פון פעהלן, ווי עס שטייט נאָך די מלחמת מדין (במדבר לא, מט) "ולא נפקד ממנו איש", עס האָט קיינער נישט געפעהלט), זאָל מען נישט מיינען אַז עס איז מער נישט דאָ אַ משכן, נאָר "משכן העדות", אַז דו וועסט לערנען תורה, וועסטו האָבן אַ משכן אויך בזמן הגלות.

חזק חזק ונתחזק - אַ מענטש וויל זיך מחזק זיין, איז דער רבש"ע איהם מחזק

הרה"ק רבי אהרן טשערנאָבילער זי"ע האָט געטייטשט (ילקוט מאורי אור, ומובא ג"כ בספר אמרות טהורות פ' ויחי) וואָס מיר זאָגן ביים מסיים זיין אַ ספר, "חזק חזק ונתחזק". אַ מענטש איז זיך מחזק איינמאָהל, און אַ צווייטן מאָהל, זאָגט דער רבונו של עולם ביים דריטן מאָהל: "ונתחזק" - יעצט, וועל איך דיך מחזק זיין.

דער לעצטער פסוק פון דער היינטיגער פרשה איז (מ, לח): "כי ענן ה' על המשכן יומם, ואש תהיה לילה בו לעיני כל בית ישראל לכל מסעיהם", אַ וואָלקען פון באַשעפער איז געווען העכער דער משכן בייטאָג, און אַ פייערוואָלקען ביינאַכט, פאַר די געגענהייט פון כלל ישראל, לענגאויס אַלע זייער אַרומפאָרן. איז די כוונה, עס איז ידוע וואָס דער "חוזה" פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט בערוב ימיו, אַז ער האָט איינגעזעהן אַז דייקא די זמנים וואָס האָבן אויסגעזעהן אין זיינע אויגן אַלס שווערע צייטן - דייקא דעמאָלס איז געווען לעכטיג, און די טעג וואָס האָבן איהם אויסגעזעהן ווי הויכע טעג, זענען געווען שוואַכער.

דער מענטש ווערט אָנגערופן "משכן". אַמאָהל איז דאָ אַ בחינה פון "כי ענן ה' על המשכן", דער מענטש שפירט אַ "וואָלקן", עס דאַכט זיך אים אַז זיין מצב איז "פאַרוואָלקענט", זאָל ער ווייסן "יומם" - עס איז באמת לעכטיג, אַ בחינה פון "יום". אָבער "ואש", ווען עס איז איהם וואַרים, עס זעהט אויס ווי עס זענען דאָ "גרויסע אורות", עס גייט אים גוט, זאָל ער ווייסן אַז כלפי דעם "ענן ה'" איז עס "לילה" - עס איז טונקעל. דאָס דאַרפן אידן געדענקען "לעיני כל בית ישראל לכל מסעיהם" - אין יעדן מצב[יז].

יז. איינער פון די גדולים וואָס איז נאָכ'ן לעצטן וועלט קריג, געווען שטאַרק צובראָכן פון די מלחמה, האָט זיך געטראָפן מיט'ן גאון דער בעל "חזון איש" זצ"ל, און זעהענדיג זיין צובראָכענקייט, האָט דער "חזון איש" איהם דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

זאָל דער רבש"ע העלפען, מען זאָל זיך מחזק זיין מיט קבלות טובות און מדת טובות, ריכטיגע אמונה און שמחה, און מיט דעם זוכה זיין צו די בנין המקדש בתפארתה, בשמחה וגילה, ווען עס וועט אַראָפקומען באש מלמעלה, געבויט פון די תרומת הלשכה, די רצונות און קבלות פון יעדן עובד ה' ברמה, בביאת גואל צדק במהרה.

- אין דער צייט פון דעם גאון און פוסק הדור רבי יצחק אלחנן זצ"ל, האָט אין קאָוונע געוואוינט אַ איד וואָס פלעגט באָרגן געלט פון אַנדערע מענטשן, און מיט'ן געלט פלעגט ער האַנדלען, און ווען ער האָט פאַרדינט גענוג געלט, האָט ער באַצאָהלט דעם חוב. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען אַ לענגערע צייט.

אַמאָהל ווען ער האָט זיך נישט גוט געשפּירט, האָט ער געשיקט זיין בני בית צו באָרגן דאָס געלט און האַנדלען מיט'ן געלט. זייענדיג אויפ'ן יאַריד, האָט די פרוי באַמערקט אַז זי האָט פאַרלוירן דאָס געלט! זי האָט שטאַרק געוויינט אויף די אבידה, און געפרעגט די מענטשן אַרום, צו זיי האָבן אפשר געפונען דאָס געלט. ענדליך האָט זי געטראָפן איין מענטש, וואָס האָט געזאָגט, יאָ, ער האָט געפונען דאָס געלט, אָבער ער וויל עס נישט צוריקגעבן, ווייל די גמרא זאָגט (ב"מ כד.) אַז אויב מען געפינט אַן אבידה "בעיר שרובה עכו"ם, אינו חייב להכריז מפני שהבעלים מתייאשים מהם", אין אַ שטאָט וואו די מערסטע איינוואוינער מענטשן זענען גוים, דאַרף מען נישט אויסרופן די אבידה, ווייל דער בעל הבית איז זיך מייאש, וויבאַלד גוים דרייען זיך דאָ און זיי האָבן עס זיכער צוגענומען (כן הוא הטעם לשיטת הט"ז ועוד).

איז די פרוי געלאָפן צום קאָוונער רב, הגאון רבי יצחק אלחנן, און נאָכ'ן הערן די טענות פוןביידע צדדים, האָט דער גאון גע'פסק'ענט אַז דער איד דאַרף יאָ צוריקגעבן די אבידה צו די פרוי, ווייל דאָס וואָס מ'זאָגט אַז בעיר שרובה עכו"ם הבעלים מתייאשים ממנה, דאָס איז נאָר שייך ביים בעל הבית פון די אבידה, אָבער די פרוי איז דאָך נישט דער בעל הבית, זי איז געווען נישט מער ווי אַ שליח פון איר מאַן צו האַנדלען מיט'ן געלט, און איר מאַן האָט נאָך בכלל נישט געוואוסט וועגן די אבידה אַז ער זאָל זיך מייאש זיין דערפון.

דער "חזון איש" האָט אויסגעפירט דעם סיפור, און געזאָגט:

- פאַרשטייט איר דעם פסק?! מיר אַלע, אידן, זענען נישט מער ווי "שליחים" פון דעם אויבערשטען אויף דער וועלט, און מיר זענען נישט קיין "בעלי בתים" זיך מייאש צו זיין! דאָס איז נוגע סיי ברוחניות, סיי בגשמיות.

בס"ד

שוב ניתן להשיג!

נערך ונלקט
מתוך תוכן
דברי שיחותיו של
מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

הפצה: היכלי תורה
1800-22-55-66

ניתן להשיג בכל חנויות הספרים